LIVING TORAH

# פרשת קורח

בס"ד

התוועדות יו"ד שבט ה'תשל"ב — הנחה פרטית בלתי מוגה

## לעבוד בגנו של הקב"ה

אז א איד באקומט א הוראה און ער בעט זאך אויף וואס דארף ער גייען הארעווען, ער דארף האבן א שיעור בתורה וועט ער האבן דעם שיעור בתורה, ער דארף מקיים זיין הנחת תפילין ושאר המצות שבמשך היום, וועט ער דאס טאן, אבער דערנאך וואס דארף מען עם מער ניט מאטערן.

זאגט מען עם ניין, דיין תפקיד איז דו דארפסט אויפשטעלן אן אילן עושה פרות, אט דאס דארפסטו מאכן פון דיין חלק אין וועלט.

וואס אין דערוף איז די צוויי נקודות, ער טאר זיך ניט באגנוגענען וואס זיין חלק בעולם שטייט על מעמדו ומצבו, אז היינט איז דער זעלבער מעמד ומצב ווי ס'איז געווען נעכטן און מארגן וועט דאס זיין דער זעלבער מעמד ומצב פון היינט, ער וועט זעהן עס זאל ניט קאליע ווערן, אין דערוף איז גענוג דער ארבעט.

זאגט מען עם דאס איז א ענין פון א דירה, דו געפינסט זיך אין א וועלט וואס דא דארף זיין א פרדס. א פרדס איז די אלע זאכן וואס איז דא אין פרדס דארפן וואקסן, איז דאס ענבים, איז דאס זיתים, מיט וואס פאר א אילן פרות דאס זאל ניט זיין דארף דאס וואקסן.

דערנאך זאגט מען עם נאכמער,

אז בשעת ער באגנוגנט זיך ניט מיט ארבעטן מיט זיך אליין, נאר ער ארבעט מיט א צווייטן אידן, "האדם עץ השדה", דארף דער צווייטער איד ווערן על ידי עבודתו והשתדלות שלו ווי אן עץ וואס געפינט זיך אין א פרדס. אז ניט נאר אז דער עץ אליין איז ווי זי דארף צו זיין, א געזונטער עץ, נאר אין וואס באשטייט די שלימות פון אט דעם אילן אז ער איז עושה פרות ו"פרותיך כיוצא בו".

דאס הייסט אז דער עץ האט פרות וואס זיי האבן גרעינין, וואס פון די גרעינין וועט מען פארזייען זיי וועט אויסוואקסן ווייטער אן אילן עושה פרות וואס ער וועט האבן גרעינין וכו' וכו' עד אין סוף.

און דאס איז דאך געווען דער אופן העבודה פון דעם בעל ההילולא אז ער האט זיך ניט באגנוגענען בעבודתו לו כפי שהוא לעצמו, ער האט זאך ניט באגנוגנט מיט נעמען א אידן און מאכן אז דער איד זאל זיין א לומד תורה ושומר מצותיה. נאר ער האט געוואלט זאלט ווערן א טופח על מנת להטפיח, אז דער איז זאל ווערן א משפיע, ער זאל זעהן אן אילן עושה פרות, וואס אט די פרות זאלן האבן גרעינין וואס פון די גרעינין וועט ווייטער אויסוואקסן נאך א אילן און נאך א אילן און נאך א אילן.

וואס אט דאס איז אריינגעשטעלט אין דער ווארט "גני", דער ביאור איז אז דארט געפינט זיך דער אויבערשטער אין אן אופן של דירה קבועה, און דער אויבערשטער ווי דער אויבערשטער שטייט אין אן אופן פון עיקר שכינה, אבער דורך וואס ווערט דאס אז מ'מאכט פון וועלט א גני, אז מ'טרעפט זאך מיט א אידן איז דעמאלט דארף ער זעהן אז דער איד זאל ווערן אן אילן, א אילן בשלימות, דערנאך דארף ער זעהן אז די פרות פון דעם אילן זאלן זיין ווי א פרות פון א אילן וואס געפינט זיך אין א פרדס, דאס הייסט אז פון די פרות דארף דערנאך ווייטער וואקסן אילנות וכו' וכו' , ער מאכט פון דעם צווייט'ן איד'ן א טופח על מנת להטפיח.



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.

# פרשת קורח

און דערנאך זאגט ער, וואס דארף ער גייען זוכן שווערע ארבעט, ער קאן זאך פארנעמען מיט תבואה וואס איז ״צומחת לנ״ב יום״, זאגט מען עם ניין דאס דער ארבעט איז אז דער וועלט דארף מען מאכן א ענין של פרדס, פון אילנות. און א אילן ווערט דאס ניט אין עטליכע טעג, ס׳ווערט ניט אין א פאר וואכן, במילא אז ער שרייט אז ער האט געהארעוועט מיט יענעם נ״ב יום און ער זעהט ניט קיין תבואה, במילא געגוג – וואס וויל עם מיט עם האבן ער וועט גייען זוכן א צווייטן אידן, זאגט מען עם ניין, דו געפינט זאך אין א פרדס, קאן זיין אז דאס איז אזא מין אילן וואס דעם דארף זאך געווערן א יאר, און צוויי יאר און דריי יאר ביז ימי שנותינו בהם שבעים שנה, א תמר וואס איז עושה פרות לשבעים שנה.

וואס אט דאס איז אויך דער דיוק אין דער הוראה, אז פונקט אזוי ווי ״עבודתו אשר עבד בה״ איז ניט געווען הארעווען מיט די וואס מ׳זעהט גלייך פרות טובות, נאר ״שלח לחמך על פני המים״ און ס׳איז א זיכערע זאך אז ״תמצאנה״, נאר ס׳קאן זיין אז דאס וועט נעמען ״ברוב הימים״, אט אזוי איז די הוראה פאר יעדערן ההולך בעקבותיו, און פאר יעדערן וואס געפינען זיך אין דרא דעקבתא דמשיחא, וואס מ׳דארף צוזאמענקלייבן ״ואתם תלוקטו לאחד אחד״, ס׳קאן ניט קומען די גאולה ביז וואנעט אז ס׳וועט זיין אין אן אופן אז קיין איין איד וועט ניט בלייבן אין גלות, דארף מען זיך אפגעבען מיט יעדער אידן
און דעמאלט האט ער בא זיך, אז דורך דער ״מקדש עצמו מעט מלמטה״ איז ״מקדשין אותו הרבה מלמעלה״ און ער האט א הצלחה רבה ומופלגה, ווי גערעדט פריער אופשטעלן א ״כרם ה׳ צבאות״, וואס זאל געבן ענבים טובים



© 2003 Jewish Educational Media, Inc.